סה 1964 נוי׳ 6

1884 דער ניסטער 1964

האיאָר מערקן מיר אָפּ דעם 80־טן געבורטסטאָג פון איינעם פון די גרעסטע פּראָזאיִקער אין אונדזער ליטעראַטור — דעם ניסטער. דאָס דאָזיקע יובילײ־יאָר האָט „סאָוועטיש היימלאַנד“ אָנגעהויבן דערפון, וואָס עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער ראָמאַן „פון פינפטן יאָר“, וועלכן דער שרייבער האָט ניט באַוויזן דערפירן ביזן סאָף: א קאָרבן פון דעם סטאַלין־קולט, איז ער אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדזערע רייען אין די רייפסטע יאָרן פון זיין שאַפן.

דער ניסטער איז געבוירן געוואָרן דעם 1 נאָיאַבער 1884. אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט דער דאַטע דרוקן מיר אין היינטיקן נומער אייניקע קאַפּיטלען פון י. לוואָווסקיס „זיכ־רוינעס פון מיטצייַטלער וועגן דעם ניסטער“.

יאַנקעוו לוואָווסקי

אין טאָגטעגלעכן לעבן

עס איז געוויס שווער אָפּצוטיילן דעם מענטש פון דעם קינסטלער. און דאָך...

אין זיין שאַפן, אין זיינע קינסטלערישע זעונגען איז דער ניסטער שטענדיק געווען אזא וואַנדערער. ער האָט געקענט מיט פולע הויפנס אָנוואַלגערן איין פּרעכטיק בילד אפן צווייטן, איין וווּנדערלעכע מייַסע אף דער צווייטער; אין זיינע ווערק געפינען מיר א פאַרבלענדנדיקע שעפע פון פאַרבן און קאָלירן. אין טאָגטעגלעכן לעבן אָבער איז דער זעלבער מענטש געווען א קאַרגער אף א וואָרט, א שווייַגער. אפילו אין באַוועגונגען איז ער געווען געצוימט, איינגעהאַלטן און פאַרשלאָסן אין זיך אף זיבן שלעסער.

דער ניסטער האָט ליב געהאַט דערמאָנען א וואָרט פון דעם כסידישן רעבן כאַיִמל טשערנאָוויצער וועגן איינעם איינעם א כאָסיד: „אוי, אָט דער שוויַיגער לעכערט מיר די אויערן“.

ווען דער דאָזיקער רעב כאַיִמל זאָל געווען קענען דעם ניסטער, וואָלט ער געוויס אויך פון זיין שוויַיגן ניט גע־קאָנט אויסהאַלטן.

אָט איז א מייַסע־שעהאָיאָ, א לעבעדיקער פאַקט. דער ניסטער האָט געהאַט אמאָל אָפּגערוט אין דעם שרייַבע־רישן אָפּרו־הויז אין גאַליצינאָ. אין עסצימער פלעגט מען דאָרט, ווי עס פירט זיך בא שרייַבער, שמועסן, ריידן א סאך. דער ניסטער אָבער האָט, ווי געוויינלעך, געשוויגן. האָט איינער א רוסישער שרייַבער, דעם ניסטערס א גוטערפרייַנט, אויך, זעט אויס, ניט איבערגעטראָגן זיין שווייַגעניש און א געשריי געטאָן:

— Нистор, вы когда-нибудь замолчите?![1]

דאָס אלץ דאַרף אָבער ניט שאַפן קיין פאַרשטעלונג, אז דער ניסטער איז געווען ביכלאל אינגאַנצן אָפּגעזונדערט, אז ער האָט, כאָלילע, ניט ליב געהאַט קיין מענטשן. ניין, צו דעם ניסטער האָבן זיך הערצער געצויגן און פאַר אים געעפנט זיך. מענטשן האָט ער ליב געהאַט, און זיי — אים. מע האָט זיך געטיילט מיט אים מיט די אינ־טימסטע איבערלעבונגען, און ער האָט פאַר יעדן געהאַט זיין וואַרעם, האַרציק וואָרט.

אין די אָוונטן פלעגן אַרייַנקומען צו דעם ניסטער אין שטוב פאַרשיידענערליי געסט. ס׳פלעגן זיך טרעפן

---

[1] ניסטער, איר וועט אמאָל אנשוויגן ווערן?!

מענטשן מיט שווערע, צעבראָכענע הערצער, וואָס זײַנען געקומען אויסדערציילן, וואָס בא זיי אף דער נעשאָמע טוט זיך, האָפנדיק, אז ער וועט זיי מיט א גוט וואָרט, מיט א קלוגער אייצע אויסהעלפן. און דער ניסטער איז געוואָרן זייערער אן אָף־לעצאָרע, א הארציקער פרײַנט. ער האָט געמיט זיך, ווי מעגלעך, זיי שטארקן, דערמוטיקן, פלעגן זיי טאקע סראָוו אוועקגיין פון אים בארויִקטע, מיט א בלישטשענדיק פײַערל אין די אויגן...

אָפּט פלעגן זיך ארײַנכאפּן צו אים שרײַבער, שוין געניטע פען־לײַט, ווי אויך אָנפאנגער. מע האָט געלייענט א נײַע זאך, גערן געוואָלט אויסהערן זײַן מיינונג וועגן א ווערק.

דער ניסטער האָט שטענדיק געזוכט מעגלעכקײַטן צו טרעפן זיך מיט מענטשן. עמעס, ער האָט מער געהערט, ווי גערעדט. ווען עמעצער האָט דערציילט עפּעס וויכטיקס אָדער עפּעס נײַס, פלעגט ער, ווי ער האָט אמאָל זיך אויסגעדריקט וועגן ייִצכאָק־לייבוש פּערעצן, ווערן „אן איינער, וואָס איז לויטער אויער“. ער פלעגט זיך דאן בעטן: „אנו, דערציילט עס נאָכאמאָל, איך בעט אײַך, נאָכאמאָל“. אויב עמעצער האָט געזאָגט עפּעס וויציקס אָדער ביכלאל שארפזיניקס, האָט ער ליבלעך געשמייכלט. א שמייכל האָט ער געהאט א ווונדערלעכן, ערגעץ אין די ווינקעלעך פון די אויגן. דער ניסטער האָט געקאָנט הויך לאכן, מיטן פולן מויל, ווי א קינד, און אפילע פארגיין זיך פון געלעכטער. אליין וויצלען זיך האָט דער ניסטער ניט איבעריקס ליב געהאט. אנעקדאָטן האָט ער לאכלוטן ניט איבערגעטראָגן. א זאָג טאָן א שארף, קלוג וואָרט, שטענדיק טרעפלעך צום אָרט, צו דער זאך — דאָס יאָ. ס׳איז אָבער געווען בא אים אזוי זיך, דערעכאגעוודיק.

דער מענטשלעכער, ווי אויך דער שעפערישער נײַגער זײַנער איז געווען אן אומגעהייערער. ער האָט שטענדיק געדאָרשט צו זען און צו הערן וואָס מער, אײַנזאפּן אין זיך יעדעס נײַ וואָרט, יעדן נײַעם געדאנק. און בעעמעס, דעם ניסטערס רײַזע אין די ייִדישע לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאָניעס אין קרים, זײַן מיטפאָרן, שוין אין א בעקאָוועדיקן עלטער, מיטן עשעלאָן קיין ביראָבידזשאן דערקלערן זיך דאָך אויך מיט זײַן דאָרשט נאָך נײַע אײַנדרוקן, נאָך נײַע באגעגענישן מיט מענטשן.

ער האָט געהאט גרויס דערעכערעץ פאר מענטשן און זיך געפילט פאראנטוואָרטלעך פאר זיי אפילע אין קלייניקײַטן. זײַן פרוי דערציילט, אז ווען זיי האָבן געדארפט גיין צו עמעצן אין געסט, פלעגט ער זי שטארק צווײַלן, זיי זאָלן ניט פארשפּעטיקן. „מענטשן ווארטן דאָך“, — פלעגט ער זאָגן.

צוגאסט איז ער געגאנגען זעלטן. אין די אָוונטן האָט ער מיינסטנס געלייענט, געהערט מוזיק. איז אים אָבער אויסגעקומען אף א סימכע בײַצוזײַן, האָט ער געקענט זיך שטארק מעסאמייעך זײַן, אָנקוועלן פונעם נאכעס, וואָס אלע האָבן דאָ געהאט. ער האָט דאן, ווי לוזי, זײַן הויפּט־העלד אין דער „מישפּאָכע מאשבער“, „זיך געפילט לײַכט, אופגעלייגט, ווי ס׳וואָלט זיך ניט געפונען קיין איין ווינקל אין הארץ, וואָס זאָל זײַן פארנומען מיט מאָרעשכוירע“.

פאר אלץ איז בא דעם ניסטער אײַנגעשטעלט געווען באשטימטע צײַט און אָרט. צעוואָרפנקײַט, צעשטרייטקײַט, וואָס דאָס טרעפט אָפּט בא שרײַבער און קינסטלער, איז אים אינגאנצן פרעמד געווען. אינערלעכע אָרגאניזירטקײַט, שטרענגע דיסציפּלין, אָרדענונג און פּינקטלעכקײַט אין אלץ — דאָס איז בא אים געווען אן אײַנגעבוירענע אייגנשאפט, א לעבנס־נויטווענדיקײַט. דאָס האָט זיך שטענדיק געפילט אפילע אין זײַן אויסערלעכן אויסזען.

אז דער ניסטער איז געווען א גרויסער אָנעוו, אן אויסערסט באשיידענער מענטש, דאָס איז אלעמען באווּסט. די מידע פון אניוועס ציט זיך דורך, ווי א גלײַכער שנור, איבער זײַן גאנץ לעבן, פון דער פריסטער יוגנט.

אין 1910 האָט די גוואלדיקע פארערונג, וואָס ער האָט געהאט פאר י.־ל. פּערעצן, אים געבראכט אף א צײַט פון זשיטאָמיר קיין ווארשע. ער האָט זיך נאָענט באקאנט מיט פּערעצן און עטלעכע מאָל בא אים געווען. פּערעץ האָט אים אײַנגערעדט, ער זאָל בלײַבן אין ווארשע, און אים אפילע פאָרגעלייגט ארבעט. האָט אָבער דער ניסטער זיך דערפון אָפּגעזאָגט, און ער שרײַבט וועגן דעם אין זײַנע זיכרוינעס אזוי: „איך האָב זיך ניט געפילט צוגעפאסט צו דער טומלדיקער גרויסשטאָט, און לויט מײַנע אייגנשאפטן, וועלכע איך האָב ריכטיק אָדער ניט ריכטיק אָפּגעשאצט, איז מײַן אָרט געווען אין א פּראָווינציעלער אויסבאהעלטעניש, פונוואנען איך זאָל פון צײַט צו צײַט ארויסשטעקן דעם קאָפּ, ווי דורך א קליינשטעטיקן פענצטערל אין גאָטס דרויסן ארויס, און בלויז טרוימען וועגן טומל אין גרויסשטאָט“. דער ניסטער פלעגט זאָגן וועגן זיך, אז ער איז „א פּראָווינציאַל לויט דער טעווע“.

שפּעטער האָט אים דאָס לעבן געבראכט אין א סאך גרויסע שטעט, אי קיין קיִעוו, אי קיין בערלין, אי קיין מאָסקווע. אָבער די באשיידנקײַט זײַנע האָט ער קיינמאָל און אין ערגעץ ניט אָנגעווירן. אין 1944, ווען ער האָט געוווינט אין מאָסקווע, האָט מען אים א פּאָר מאָל פאָרגעלייגט לייענען לעקציעס וועגן ליטעראטור, האָט ער געענטפערט: „וואָס פאר א לעקטאָר בין איך, אז איך קען קוים־קוים פאר זיך“...

ער האָט פײַנט געהאט ווארפן זיך אין די אויגן. קיינמאָל זיך ניט געיאָגט נאָך קאָוועד, נאָך פּאָפּולערקײַט. טראָץ דעם איז ייִראס־האקאָוועד אים נאָכגעגאנגען פוסטריט דאָס גאנצע לעבן. אומעטום האָבן אלע די, וואָס זײַנען געקומען מיט אים אין וואָסער־עס־איז בארירונג, זיך באצויגן צו אים מיט א באזונדער אָפּשײַ און אכטונג. זײַן האלטונג און אופירונג, זײַן עמעסדיקײַט און יוישערדיקײַט האָבן ארויסגערופן בא מענטשן טיפן דערעכערעץ און ליבע.

באם שרײַבטיש

יעדערער, וועמען ס׳איז אמאָל אויסגעקומען צו האלטן אין דער האנט דעם ניסטערס א קסאוויאד, ווייסט, וויפל שווערע מי, מאמעש אומענטשלעכע האָרעוואניע, ער פלעגט ארײַנלייגן אין זײַנס א ווערק. איר קוקט אף א בלעטל פון דעם ניסטערס א מאנוסקריפּט, אף אָט דעם פּיצל ווינקעלע פון זײַן שאפונג־לאבאָראטאָריע, און זעט פאר זיך אן עמעסן לאבירינט פון געמעקטע, פאריכטע, ארופגעשריבענע און צוגעשריבענע שורעס און ווערטער — אין מיטן בלעטל, פון אויבן, פון אונטן, בא די זײַטן, ארום און ארום.

דער ניסטער האָט געשליפן יעדעס וואָרט זײַנס. א גרויסער מײַסטער, האָט ער פיל אופמערקזאמקײַט אָפּ־

געבן דער פאָרם, אין וועלכער ער האָט אויסגעדריקט ינע זעונגען און געדאַנקען.

אין איינער פון זײַנע פאַנטאַסטישע מײַסעס[1] איז ראַן בא דעם ניסטער אַן אָרט, ווו ער דערציילט אונדז וועגן שאַפונג־פּראָצעס: „און אַזוי ווי סאָפרים לײַבן סאָפרים, און סאָפרים געניטע קענען זיך פון ספאָרים־הערשאַפט ניט באַפרײַען, האָבן זיי זיך ײַנגעלאָזט... זיך פאַרטיפט... און טאָג און וואָכן זיצן איבער טעקסטן אָפּ, געפינען אַלטע זינענס אויס און בן פּײרושים נײַע, און גרײַזן זײַנען אויך אָן איניען, ן גרײַזן מוזן דאָך פאַריכט ווערן, און אָט די אַרבעט ן דאָך זייער ליבסטע, און יעדער אָס איז א באַרג בא , און זיי קריכן און קריכן און גאַנצע טעג, מאַכט , קענען איבער קיין שורע ניט אַריבערקריכן".

וועט אויס, אַז בא דעם ניסטער אַליין איז אויך צײַטנ־ ין אָן אָס א גאַנצער באַרג געוועזן און אים איז אויך ט גאָר ניט גרינג געוועזן אַריבערקריכן איבער א שורע. וועגן כאַווײרים האָבן געהאַט א פרעג געטאָן בא אים, רוואָס ער אַרבעט אַזויפיל און אַזוי לאַנג אַף זײַנעם ווערק, האָט ער געענטפערט:

— מיר דאַרפן זיך לערנען בא יענע געהויבענע ן — סאָפרים, וואָס פלעגן טאָן זייער אַווידע יאָרנ־ נג...

אין זײַנעם א בריוו צו דאָוויד בערגעלסאָנען האָט דער טער געשריבן: „ליטעראַטור איז יאָמטעוו, ליטעראַטור פּײַערלעכקײַט". דאָס זיצן און אַרבעטן באַם שרײַב־ ש איז טאַקע געוועזן בא אים א יאָמטעוו, אָבער אויך אַווידאָס־פּערעך. שרײַבן, אַרבעטן פלעגט ער דע־ קער אין דער ערשטער העלפט טאָג. כאַווײרים און ײַנט האָבן שוין געוווּסט וועגן דעם און האָבן באַמיט אין די פרימאָרגנס מיט קיין זאַך אים ניט שטערן. דער דאָזיקער צײַט האָבן אַפילע די שטוב־מענטשן געטאָרט מיט אים ריידן, גאָרניט פרעגן בא אים.

— אַז מע האָט אַף אים אינדערפרי נאָר א קוק גע־ , — דערציילט זײַן פרוי, — האָט מען גלײַך געזען, ער איז שוין פאַרכושט, פאַרטראָגן אין זײַנע אוילע־ ס.

— איך, — דערציילט זי ווײַטער, — פלעג זיך סטאַ־ אין די דאָזיקע אינדערפרי׳עדיקע שאָען אַוועקגיין יב שטוב־איניאָנים. אויב אָבער איך האָב געדאַרפט ײַבן אין דער היים, בין איך אַרומגעגאַנגען איבערן ער מאַמעש ווי א קאַץ, שטילערהייט. און דאָך האָב געפילט, אַז מײַן אָנוועזנהײַט אין צימער, ווו ער בעט, איז אים געוועזן שווער.

ער ניסטער האָט געהאַלטן, אַז דיכטן, שרײַבן דאַרף ן נאָר בא פאַרמאַכטע טיר־און־טויער, אַז דאָס איז טיף־אינטימער איניען.

עס האָט זיך פאַרהיט א פרײַנטלעכער שאַרזש, וואָס ר קינסטלער העלמאַן האָט געמאַכט אין 1920 אַף דעם טערס אויסבאַהאַלטן זיך בײַסן שרײַבן. העלמאַן האָט עמאָלט, ווי דער ניסטער זיצט אינדרײַען אײַנגעבויגן שערן טיש און שרײַבט. בלויז די מײַזעלעך, וועגן לכע עס רעדט זיך אין זײַנע מײַסעס, שטייען דערבײַ אָפענע מײַלכלעך און קוקן זיך אײַן, וואָס ער טוט. ער ניסטער פלעגט אָפּט אַפילע דעם זייגער אַפּן אויסקערעווען מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט, ער זאָל

אים ניט ווײַזן דעם צײַט־געלאָף און ניט דערמאָנען, אַף וואָס פאַר א וועלט ער געפינט זיך דאַן.

עס איז באַוווּסט, אַז יעדער שרײַבער, יעדער קינסט־ לער האָט זיך זײַנע טנועס, זײַנע „גענג" בײַסן שרײַבן. בא דעם גאַנצן אינערלעכן שעפערישן אומרו זײַנעם, איז דער ניסטער באַם שרײַבטיש אויסערלעך געוועזן רויִק, שטיל. געזעסן באַם טיש א פאַרמויעכטער, א פאַרטיפטער און געשריבן. פון צײַט צו צײַט נאָר פלעגט ער זיך אופהייבן פונעם בענקל, אומגיין א ביסל איבערן צימער און נאָכדעם ווידער זיך אַוועקגעזעצט שרײַבן, אַלץ מעיושעוודיק, באַדאַכט און באַזאַכט.

אָבער אָט די דאָזיקע רויִקײַט איז, ווי געזאָגט, געוועזן א ריין אויסערלעכע. אין טאָך איז אין די דאָזיקע שאָען אָנגעגאַנגען אַן אויסערגעוויינלעך אָנגעשטרענגטע מויעך־ און האַרץ־אַרבעט, ער האָט ניט בלויז געשריבן, נאָר געלעבט מיטן לעבן פון זײַנע העלדן.

דעם ניסטערס פרוי דערציילט:

— געוועזן איז דאָס אין נאָיאַבער 1937. פיניע האָט דעמלט געאַרבעט איבערן בוך „די מישפּאָכע מאַשבער", אַף דעם קאַפּיטל, ווו עס דערציילט זיך וועגן דער גע־ פערלעך־קראַנקער נעכאַמקע, מוישע מאַשבערס באַליבט־ סטער טאָכטער, וועגן איר גסיסע, טויט און קוורע. איינ־ מאָל קומט ער אַרויס פון זײַן אַרבעט־צימער און הייבט מיך אָן אויספרעגן, ווי איך פיל זיך (איך בין עפּעס ניט געזונט געוועזן דעמלט). דערזע איך פּלוצלינג, אַז זײַנע אויגן זײַנען ווי פאַרטרערט. איך האָב זיך דערשראָקן און פרעג, וואָס איז מיט אים. ענטפערט ער מיר: „איך האָב נאָרוואָס באַגראָבן נעכאַמקען", און פון זײַנע אויגן הייבן זיך אָן גיסן טרערן.

בא דעם ניסטער איז שוין אַזוי אײַנגעפירט געוועזן, אַז עס האָט ניט געטאָרט אַוועקגיין קיין איין טאָג, ער זאָל ניט אַרבעטן. און אויב עמעצער האָט אָפּגערויבט בא אים א פרימאָרגן, האָט ער זייער געליטן דערפון און איז שוין דערנאָך דעם גאַנצן טאָג שטאַרק צערודערט געוועזן.

נאָענטע פרײַנט מערקן אָפּ אַזאַ שטריך זײַנעם. ער האָט ניט ליב געהאַט צו דערציילן וועמען־ניט־איז וועגן זײַנע שעפערישע פּלענער אָדער וועגן זײַנס א ניט פאַ־ רענדיקט ווערק.

דער ניסטער האָט אַפילע אַליין אַמאָל מודע געוועזן, אַז איבער אָט דער געוווינהײַט זײַנער, איבער זײַן ניט וועלן ריידן מיט קיינעם וועגן דעם, וואָס ער טוט, קומט אים אויס ניט זעלטן צו לײַדן.

אין א בריוו פון 1928 צו נאָכעם אויסלענדערן קלאָגט זיך טאַקע דער ניסטער דערויף. ער שרײַבט דאָרט אַזוי:

„אַז איר וועט האַלטן די פּען, שרײַבט א ביסל קיִע־ ווער רעכילעס וועגן „בוי", „וווּספּ"[1], וועגן וואָלקנ־ שטיינס[2] אַרבעט, ווײַל קיינער שרײַבט מיר ניט, מיסטאַמע דערפאַר, ווײַל איך האָב געבעטן בא מיר ניט פרעגן, וואָס איך טו. ס׳איז בא מיר א קרענק אַזאַ, אָבער אַן אומשולדיקע און נישט קיין קלעפּיקע. און איך, פאַר־ קערט, האָב דאַפקע ליב צו וויסן, וואָס אַלע אונדזערע דאָרט טוען. אָבער דער אוילעם שטראָפט מיך. און אַזוי, ווי מ׳האָט זיך צונויפגערעדט. נו, זאָלן זיי געזונט זײַן".

דער ניסטער איז געוועזן פאַרטאָן אין שרײַבן ניט

---

[1] „פון מײַנע גיטער". „מוסער", ז. 96.

[1] „בוי", „וווּספּ" — ליטעראַרישע אָרגאַניזאַציעס פון יענע יאָרן; [2] וואָלקנשטיין — ייִדישער סאָוועטישער שרײַבער.

בלויז דאַן, ווען ער איז געזעסן באַם שרײַבטיש. אין דער צווייטער האַלב טאָג פלעגט ער געוויינלעך אַרויסגיין אין גאַס. ער האָט ליב געהאַט שפּאַצירן. זײַן שפּאַציר־גאַנג האָט געדויערט אַ שאָ צוויי אין טאָג. ער פלעגט אַוועקגיין צופוס גאַנץ ווײַט. אייגנטלעך, איז עס געווען דער המשך פון זײַן אינדערפריִעדיקער אַרבעט.

די קאָמפּאָזיטאָרן ריווע באַיאַרסקאַיאַ דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי זי האָט דערזען אַמאָל דעם ניסטער אין אַזאַ שפּאַציר־שאָ:

„עס איז געווען אַ האַרבסטיקער טאָג. אויפן האַרצן איז בײַ מיר אויך געווען אָסיענדיק. בין איך אַרויס אויף טווערסקאָי בולוואַר, און דאָרט האָב איך פּלוצלינג דער־זען דעם ניסטער שטיין אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים. ביז דאַן האָב איך אים ניט איין מאָל באַגעגנט: אין שרײַבער־הויז, אויף פאַרזאַמלונגען. נאָר אַזאַ לויכטנדיקן, שטראַלנ־דיקן האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל דערזען. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין דער דאָזיקער מינוט שאַפט ער איינס פון זײַנע שענסטע מײַסעלעך. און מיסטאָמע איז עס אַזוי געווען. צוגיין צו אים, איבערשלאָגן זײַנע ראַיאָנעס האָב איך קיין האַזע ניט געהאַט“...

אָט אַזוי האָט דער ניסטער שפּאַצירט.

ס׳פלעגט אויך טרעפן, אַז ווען ער האָט געמוזט זיך אָפּרוען, באַפרײַען זיך פון דער אייביקער שעפערישער אָנלאָדונג, האָט ער געבעטן די פרוי, זי זאָל מיט אים מיטגיין, קעדיי „באַם ריידן זאָל דער קאָפּ ניט ליגן אין שרײַבן“.

אין 1920 האָט דער ניסטער געוווינט אין קיִעוו. עס האָט דעמלט דאָרט געוווינט אויך בערגעלסאָן. און זיי האָבן זיך אָפט געטראָפן בײַ נאַכמען מײַזיל, וווּ ס׳פלעגן זיך אין די אָוונטן צונויפנעמען די קיִעווער שרײַבער. דערציילט מען, אַז בערגעלסאָן פלעגט זיך וויצלען:

„נאָך ניסטערן גייען שטענדיק נאָך זײַנע שרעטעלעך. זיי באַגלייטן אים אויך דעמלט, ווען ער לאָזט זיך גיין אויף מאַרינסקע־בלאַגאָוועשטשענסקע גאַס, 36, צו די מײַ־זילס. ער הייבט זיך אויף אויפן צווייטן שטאָק, קלינגט אָן. און דאָ ערשט קערעוועט ער זיך אויס אויף צוריק און באַפוילט סוידעסדיק־שטיל די שרעטעלעך: אַוועקט, אַוועקט פונדאַנען“.

מיילע, איז דאָס טאַקע אַ ווילער, גוטמוטיקער וויץ. די סיבע אָבער פון דעם ניסטערס אייביקער פאַרטראַגנ־קײַט מיט זײַנע מײַסעלעך, פון זײַן היסבוידעדעס פּראַ־וועט דרינגט אַרויס פון זײַן גאַנצן מהוס: פון זײַן פאַרטיפטקײַט אין זיך, פון זײַן גרויסן אַכרײַעס־געפיל פאַרן אַרויסגעזאָגטן וואָרט און פאַר דער ליטעראַרישער אַרבעט ביכלאַל.

דער ניסטער האָט זיך צו זײַנע אייגענע ווערק באַ־צויגן זייער שטרענג. ער האָט ניט געקאָנט אַרויסלאָזן פון דער האַנט אָדער ווײַזן עמעצן אַזעלכס, וואָס ער האָט ניט גערעכנט, אַז ס׳איז אינגאַנצן בישליימעס. האָט געטראָפן, אַז ער איז געבליבן ניט צופרידן מיט דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, פלעגט ער עס אָן ראַכמאָנעס פאַרניכטן.

נאָכעם אויסלענדער האָט מיר דערציילט, אַז אין 1917 האָט דער ניסטער אים בײַ אַ געלעגנהײַט געזאָגט, אַז ער האָט ערשט ניט לאַנג פאַרברענט דרײַסיק אייגענע לידער. איציק קיפּניסן האָט דער ניסטער איינמאָל וועגן אַ ניט־אײַנגעגעבענער דערציילונג אַזוי געזאָגט:

„מײַנע אַ זאַך ליגט דאָ אין קויש. אַ נאָענטער ליגט דאָ לעבן מיר“....

מיט טיפן ערנסט האָט דער ניסטער זיך באַצויגן צו דער שרײַבערישער „מעלאָכע“.

אויף נײַע שעפערישע וועגן

סאָף צוואַנציקער יאָרן האָט דער ניסטער אָנגע־ אין זײַן שאַפונג אַריבערגיין פון די פאַנטאַסטיש־ דיקע וועלטן צו דער ערדישער, מאַמאָשעסדיקער לעבעדיקײַט. דאָס איז געווען אַ שווערער און בײַ קאָמפּליצירטער פּראָצעס. אין דער הינזיכט איז אינטערעסאַנט דער בריוו, וואָס ער האָט אין 1934 געשריבן צו זײַן ברודער אין פּאַריז, צום קינס־ מאָטל קאַהאַנאָוויטש:

„...איך, ווי דיר איז באַוווּסט, בין פון אַלע יאָ־ סימבאָליסט. איבערגיין פון סימבאָליזם צו רעאַליזם פאַר אַ מענטשן, ווי איך, וועלכער האָט אַ סאַך רעוועט אויף צו פאַרפולקומען זײַן מעטאָד און אויס־ שרײַבן, — זייער שווער. דאָס איז נישט קיין פּראָ־ טעכניק. דאָ מוז מען ווי אָפּסנײַ געבוירן ווערן. דאָ מען איבערקערן די נעשאָמע אויף דער אַנדערער כ׳האָב אַ סאַך פּראָבעס געמאַכט. די ערשטע צײַט נישט געלונגען. איצט, דאַכט זיך מיר, בין איך אויף אַ וועג, איך האָב אָנגעהויבן שרײַבן אַ בוך מײַן מיינונג און לויט דער מיינונג פון נאָענטע באַ־ טע, אַ וויכטיקן. איך וויל דעם בוך ווידמענען אַלע קויכעס, וואָס איך פאַרמאָג. ס׳האַנדלט זיך וועגן גאַנצן דאָר — פון דעם, וואָס איך האָב געזען, גע־ איבערגעלעבט און אויסגעפאַנטאַזירט... און שרײַבן בוך מוז איך; אויב ניט, בין איך אויס מענטש; ניט, ווער איך אויסגעמעקט פון דער ליטעראַטור פון לעבעדיקן לעבן. ווײַל וואָס הייסט אַ שרײַבער, כער שרײַבט ניט, פאַרשפּאָר איך דיר זאָגן. דאָס ער עקזיסטירט ניט, ער איז ניטאָ אויף דער וועלט...

וועגן די דאָזיקע וואַקלונגען, ראַנגלענישן מיט אַליין, וועגן די שווערע כעווליי־לײַדע אין יענעם ריִאָד איז דאָ אַ ריי אָנצוהערענישן אויך אין דעם טעפּס ווערק פון יענער צײַט: אין „אונטער אַ פּ „מוסער“, „געקעפּט“. קלאָרער און דײַטלעכער דערצ ער אונדז דערפון אין זײַן מײַסע „שיקער“.

די דאָזיקע מײַסע הייבט זיך אָן אַזוי:

„— האַ, און אַז אַ מענטש, וואָס האָט פאַר אַלץ שטאַנד און זינען, פאַר אַלץ אַ וואָרט און אַלץ קאָן ענטפערן, נאָר זיך אַליין און זײַן אייגן לעבן ניט דערציילט דאָרט ווײַטער דער ניסטער, אַז דער האָט אַ סאַך געשריבן און „צו פיל און צו לאַסט אים די קסאָווים“. דער מענטש מאַטערט און מוטשעט זיך, די „ספאָרים שטיקן און שטיקן אים“, און דאָך זיך מיט זיי קאָן ער ניט. לעבן נאָר מיטן אַלטן אומעגלעך, און צום נײַעם צושטיין איז אים אויך איבער הייער שווער. אָבער סאָפּקאָלסאָף געפינט ער אין געניוג קויעך און טוט אַריבערשפּרינגען איבער זיך און די מײַסע „שיקער“ ענדיקט זיך מיטן געוויינ ניסטערישן אָפּטימיסטישן אויספיר:

„...אַ בראָך און אַ בראָך. און אַ בראָך איז אַ בראָך

[1] עס רעדט זיך וועגן „מישפּאָכע מאַשבער“. —

דער דאָזיקער קוק אַף א בראָך ווי אַף א בראָכע האָט ין מיטגעהאָלפן דעם ניסטער, ער זאָל זיך אליין נאַציייעך זײַן, אַף א נײַעם שפּעריש ווענ זיך לאָזן ן איבערגיין צו זײַנע רײַכע, גלענצנדיקע רעאלע ארצייכענונגען און שילדערונגען, ווי די „דרײַ הויפּט־ טעט“, „מיטן צווייטן עשעלאָן“, צו זײַן גרויסער עפּאָ־ „די מישפּאָכע מאשבער“ און דעם ראָמאַן „פון נפטן יאָר“.

וועגן דער „מישפּאָכע מאשבער“, ווי אויך וועגן דעם סטערס פאַרצייכענונגען, האָט מען בעשײַטע א סאַך שריבן. ווילט זיך זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן „פון נפטן יאָר“.

דער ראָמאַן איז, ווי באַוווּסט, אונדז געבליבן בעיערו־ ט אין טאָך נאָר ווי א מין „טשערנאָוויק“, וואָס איז רכן מעכאבער ניט באַארבעט און ניט פאַרענדיקט וואָרן (אגעוו, איז נייטיק פאַריכטן א טאָעס, וואָס איז רלאָזט געוואָרן בײַסן פאַנאַנדערקלײַבן דעם קסאוויאַד: זײַטל 7 „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 1, 1964 רעדט וועגן „דערבענטער אוניווערסיטעט“. עס דאַרף זײַן: רפטער, איצט טארטו), און דאָך ווילט זיך זאָגן, אַז פילע אין אַזאַ פאָרם איז דאָס דאָזיקע ווערק פאַר אונדז ן באַזונדערער כשיוועס. עס באַווײַזט, אַז די טעמע ון פינפטן יאָר“, די ערשטע רוסלענדישע רעוואָליו־ ע, אירע פרײַהײַטס־אידעאַלן — דאָס אַלץ האָט לאַנגע רן גערעגט דעם ניסטער.

און נאָך איין מאָמענט ווילן מיר דערבײַ אונטער־ טרײַכן.

אין דעם ראָמאַן „פון פינפטן יאָר“ איז פאַראַן א סאַך, ווי צו זאָגן, אווטאָביִאָגראַפישעס. מיר, דעם ניסטערס נײַ־איר, זעען עס בעכוש, מיר טאַפּן עס אָן מאַמעש יט די הענט. מיר האָבן דאָך אַליין געטראָפן פיניען ר איז נאָך דעמלט דער ניסטער ניט געווען) אַף די פאַרטײַ־בירזשעס, אַף די מאַסאָווקעס און דיסקוסיעס, וואָס ער שילדערט אַזוי מײַסטערהאַפט אינעם ראָמאַן. אַף איינער אַזאַ דיסקוסיע, מעגלעך טאַקע אַף דער זעל־ בער, וואָס ער באַשרײַבט, בין איך אַליין געווען. אַרום וואָס דער וויקועך האָט זיך געפירט, געדענק איך שוין ניט. אין מײַן זיקאָרן האָט זיך פאַרהיט דער זאַל, ווי מיר זײַנען געשטאַנען געפּרעסט ענג איינער צום אַנדערן און אָנגעשטרענגט אויג און אויערן, קעדיי צו זען און הערן אַלץ.

* * *

אין 1940 האָט דער ניסטער אָנגעשריבן זײַן באַוווּסטן בריוו צו דאַוויד בערגעלסאָנען לעקאָווער בערגעלסאָנס דרײַסיקיאָריקער ליטעראַרישער טעטיקײַט, א בריוו, וואָס מיר קאָנען איצט באַטראַכטן ווי דעם ניסטערס שעפע־ רישע קרעדאָ. דאָרט שרײַבט ער צווישן אַנדערן:

„...דעם עמעסן פאָלקס־קינסטלערס באַרוף איז ניט נאָר די קונסט אין ענגסטן זין פון וואָרט, נאָר יעדעס מאָל, צוזאַמען מיט איר און ניט אָפּצוטיילן פון איר, אויך דאָס דידאַקטישע, דאָס לערערישע, דאָס שטראָפנ־ דיקע אָדער טרייסטנדיקע, וואָס דאָס באַטײַט אויך יעדעס מאָל דאָס פאָרויסגיין און פאָרויסזען פונעם קינסטלער, ווי א פאָלקס־פירער, וואָס זאָרגט פאַר די געפירטע. זאָלן זיי קיין שטרויכלונגען אַף זייער סאָציִאַלן וועג ניט טרעפן, און אויב שוין יאָ געטראָפן, — זאָל זיך דאָס מער ניט איבערכאַזערן.

דאָס איז דער העכסטער קינסטלער־באַרוף, פאַר וועלכן דער קינסטלער גיט אַוועק און שענקט זײַן גאַנץ לעבן אָן איבערבלײַב...“

דעם דאָזיקן געבאָט איז דער ניסטער טרײַ געווען זײַן גאַנץ לעבן.

דער „נײַער פּרעסע“—אונדזער האַרציקן גרוס

דרײַסיק יאָר פּאַריזשער „נײַע פּרעסע“ — דאָס איז א סאַכאַקל פון א רומפולן וועג, פון דעם הערלעכן אַקשאָנעסדיקן קאַמף פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין פראַנקרײַך פאַר אַ נײַ לעבן, פאַר שאָלעם און פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער. די „נײַע פּרעסע“ איז דער געטרײַער וואַכזאַמער היטער פון די בעסטע טראַדיציעס פון ייִדישער פּראָגרעסיווער קולטור און פון נײַער רעוואָלוציִאָנערער קולטור־שאַפונג.

„סאָוועטיש היימלאַנד“ שיקט אירע האַרציקע באַגריסונגען דער „נײַער פּרעסע“ און ווינטשט איר ווײַטערדיקע דערפאָלגן אין דעם אומדערמידלעכן קאַמף פאַר די אינטערעסן פונעם פאָלק.

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

אין ניו־יאָרק זײַנען אַרויסגעגעבן וואָרן אין צוויי בענדער אַלע ווערק ן עליאָקום צונזער. אין דער זאַמ־ ונג גייען אַרײַן 140 לידער. אַן ער 50 פון זיי זײַנען אין די ערדיקע פּובליקאַציעס ניט געווען דרוקט. אין דער זאַמלונג איז אויך נגעשלאָסן צונזערס איינציק דראַ־ מאַטיש ווערק „מעכיראַס יויסעף“ און זײַן אווטאָביִאָגראַפיע, וואָס פאַר־ מאָגט אינטערעסאַנטן קולטור־היס־ טאָרישן און שטייגערישן מאַטעריאַל פון XIX יה.

■

דער פּאַריזשער ביכער־פאַרלאַג „גאַלימאַר“ האָט אַרויסגעגעבן א זאַמלונג נאָוועלן פונעם יונגן אַמע־ ריקאַנער שרײַבער פיליפ ראָט „אַף ווידערזען, קאָלומבוס“. דער אווטאָר מאָלט דאָס ייִדישע לעבן אין די פאַרייניקטע שטאַטן. אַף א סאַרקאַס־ טישן אויפן פאַרורטיילט ער דעם ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם פון די אַזוי־גערופענע ליבעראַלע קרײַזן אין אַמעריקע.

■

אינעם וואַרשעווער פאַרלאַג „ייִדיש בוך“ איז דערשינען א זאַמלונג לי־ טעראַריש־קריטישע אַרטיקלען פון שלוימע בעליס „פּאָרטרעטן און פּראָבלעמען“. דאָס בוך באַשטייט פון עטלעכע אָפּטיילן.